קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

## בראשית

יו"ל ע"י
מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא
שנת תשפ"ד לפ"ק

· אידיש ·

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

# בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.

**א)** **רש"י** הייבט אן: **"אמר רבי יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם וכו' ומה טעם פתח בבראשית משום "כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים", שאם יאמרו אומות העולם לישראל ליסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים הם אומרים להם כל הארץ של הקב"ה היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו"** - די גאנצע סיבה פארוואס די תורה הייבט אן מיט דעם ענין פון בריאת העולם, איז כדי די גוים זאלן נישט קענען האבן קיין טענות אז אידן האבן פון זיי צוגענומען ארץ ישראל, ווייל מען וועט זיי קענען ענטפערן: דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט און עס איז זיינס, און ער האט עס געגעבן פאר וועמען ער וויל. לכאורה איז שווער: איז דען דאס אליינס גענוג א שטארקן תירוץ פאר די אומות העולם? זיי קענען דאך נאכאלץ טענה'ן אז דער אייבערשטער האט דאס באמת געגעבן פאר זיי, נאר די אידן האבן דאס צוגע'גנב'ט פון זיי?

**ב)** **שפעטער** זאגט **רש"י: "בראשית ברא - אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני כמ"ש רז"ל בשביל התורה שנקראת ראשית דרכו ובשביל ישראל שנקראו ראשית תבואתו"** - דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט צוליב דער תורה און צוליב כלל ישראל , וואס דיביידע ווערן אנגערופן 'ראשית'. געווענליך ווייסט מען, אז ווען רש"י ברענגט אראפ צוויי פירושים אויף א פסוק האבן די ביידע פירושים א שייכות און איין פירוש איז משלים דעם צווייטן, אויב אזוי דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די צוויי ענינים וואס רש"י ברענגט דא?

**ג)** **דער מדרש** זאגט (ב"ר א, א): **"רבי הושעיה רבה פתח** (משלי ח) **ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום וגו' אמון פדגוג היך מה דאת אמר** (במדבר יא) **כאשר ישא האומן את היונק"** - די תורה זאגט, אז איך בין געווען דער אמון פון בריאת העולם, און דער מדרש איז מסביר אז 'אמון' מיינט, דער וועלכער ציהט אויף א קינד. לכאורה דארף מען פארשטיין די כונה פונעם מדרש? און אויך וואו קומט עס אהער צו דעם פסוק פון בראשית ברא?

**ד) ווייטער** שטייט אין **מדרש** (ב"ר א, ה): "**רבי הונא בשם בר קפרא פתח** (תהלים לא) **תאלמנה שפתי שקר הדוברות על צדיק עתק בגאוה ובוז**". לכאורה דארף מען פארשטיין דעם שייכות פון דעם פסוק צום ענין פון בריאת העולם?

**ה) עס** איז אן ענין צו מקשר זיין סוף התורה צו תחלת התורה, די תורה ענדיגט זיך מיטן פסוק: "**וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל**". דארף מען פארשטיין דעם שייכות צו "בראשית"?!

**ו) רש"י** זאגט: "**לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל - שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם שנאמר ואשברם לעיניכם והסכימה דעת הקב"ה לדעתו שנאמר אשר שברת יישר כחך ששברת**" - דאס וואס די תורה לויבט אזוי אויס משה רבינו פארן טון מורא'דיגע זאכן, באציהט זיך אויך צו דעם ענין וואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות אין פארנט פון אלע אידן, און דער אייבערשטער האט אים באדאנקט אויף דעם. לכאורה ווען מען באדאנקט א מענטש און מען זאגט אים יישר כח, מיינט דאס אז ער האט געטון עפעס אן אויפטוה פון וואס מען האט הנאה געהאט. אבער דא איז דאך לכאורה געווען בלויז א 'בדיעבד', אז וויבאלד אידן האבן געזינדיגט, האט מען נעבעך נישט געהאט קיין ברירה און מען האט געמוזט צוברעכן די לוחות. נו, וואס איז פשט אז דער אייבערשטער האט אים אזוי באדאנקט דערויף מיט אזא גרויסן 'יישר כח ששברת'?

**ז) אויך** זעט מען דא אין רש"י גאר א שטארקן דגוש אויפן ענין פון 'ואשברם לעיניכם', וואס פון דארט לערנט מען ארויס, אז דער 'לעיני כל ישראל' מיינט שבירת הלוחות, וואס אידן האבן געזען מיט זייערע אויגן ווי משה רבינו צוברעכט די לוחות. ווייזט זיך אויס, אז טאמער וואלט ער עס ווען צובראכן בצינעא, און זיי וואלטן עס נישט געזען מיט זייערע אויגן, וואלט נישט געווען אזא מורא'דיגער אויפטוה, און אויך וואלט דער 'יישר כח ששברת' נישט געווען אזוי גרויס. לכאורה איז שווער, אויב דער גאנצער ענין פון 'שבירת הלוחות' איז בלויז, וויבאלד זיי זענען נישט ראוי צו באקומען די תורה, נו, וואס איז דען א נפקא מינה צי אידישע קינדער זעען דאס מיט זייערע אויגן אדער נישט? דער עיקר איז דאך, אז זיי באקומען נישט די לוחות?

**עס** קען אפשר זיין אזוי. חז"ל זאגן (אבות ו, ב) אויפן פסוק (שמות לב, טז): "**חרות על הלוחות - אל תקרי חרות אלא חירות שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה**" - די לוחות ברענגען א 'חירות' אויפן מענטש, דאס הייסט, אז דער וועלכער לערנט תורה ווערט א בן חורין. שטייט אויפדעם א ווארט אין **צמח ה' לצבי** (תשא ד"ה חרות) אין נאמען פונעם **מדרש שמואל** (אבות פ"ו ב' בא"ד ואפשר עוד לפרש וכו' עי"ש באריכות), וואס ער שטעלט זיך: וויאזוי איז מרומז דער ענין פון 'בן חורין' אינעם ענין פון לוחות, וואס איז דען שווער מיטן פשוט'ן פשט, אז 'חרות על הלוחות' מיינט, אריינגעקריצט אין די לוחות? און אויך, וואו זעט מען דא אז דוקא דער וואס לערנט תורה איז א בן חורין? און בכלל דארף מען פארשטיין דעם גאנצן ענין, צו וואספארא סארט 'חירות' איז מען זוכה דורכן לערנען תורה? איז דער מדרש שמואל מסביר: אז חז"ל האבן מדייק געווען, אז לכאורה וואלט געדארפט שטיין 'חרות בלוחות' - אריינגעקריצט **אין** די לוחות, נישט '**על** הלוחות' - אריינגעקריצט **אויף** די לוחות? און דערפאר האבן חז"ל מדייק געווען אן ענין פון חירות. און דאס איז געבויעט אויף דאס וואס חז"ל זאגן (פסחים פז:): "לוחות נשברו ואותיות פורחות", אז בשעת שבירת הלוחות זענען טאקע די לוחות צובראכן געווארן אבער די אותיות זענען געבליבן אין דער לופטן און נישט געווארן צובראכן. דאס ווייזט אונז, אז די תורה איז נישט אנגעהאנגען אינעם 'לוח', ער דארף נישט אנקומען צו אים! ער בלייבט ווייטער שטיין, אפילו ווען די לוחות ווערן צובראכן! ווייל די תורה איז א שטיק 'חירות' וואס ער דארף נישט אנקומען צו קיינעם, ווייל דער 'חירות' איז נישט 'אין' די לוחות, נאר עס ליגט 'אויף' די לוחות! נאר גאר פארקערט, די לוחות דארפן אנקומען צו דער תורה, די לוחות באקומען חירות דורכדעם וואס די אותיות התורה ליגן אויף אים! וואס דער 'חירות' האט גורם געווען אז די לוחות זענען דעמאלט געווען לייכט צו האלטן, די בחינה פון ארון נושא את נושאיו, אבער אין דער רגע וואס די אותיות התורה זענען ארויסגעגאנגען פון אים, האט עס באקומען זייער א שווערע וואג, און משה האט עס געמוזט אראפלאזן פון דער האנט און צוברעכן; אזוי שטייט אויך אין כלי יקר (שמות לב, טז) בשם דעם ילקוט (רמז שצ"ג).

**פון** דעם לערנען חז״ל ארויס, אז ׳אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה׳ - יעדער מענטש וועלכער איז מקבל דעם ׳עול התורה׳ און ער איז זיך מדבק צו דער תורה, ווערט ער אויסגעארבעט מיט אלע זיינע רמ״ח אברים, ביז ער ווערט ממש א שטיק תורה! און פונקט ווי די תורה איז א חירות׳דיגע זאך און דארף נישט אנקומען צו קיינעם, אזוי אויך, דער מענטש וועלכער איז דבוק צו תורה, איז א חירות׳דיגער מענטש און דארף נישט אנקומען צו קיינעם. ער איז נישט דער וועלכער איז ׳מקבל׳ פון יענעם וועלכער העלפט אים, נאר פארקערט, ער איז דער וועלכער איז ׳משפיע׳ און גיבט פאר יענעם. און אודאי איז דא אין דעם אסאך דרגות, ווי מער א מענטש גיבט זיך איבער צו לערנען תורה, אלץ מער ווערט ער נכלל אין דער תורה, און ער ווערט א שטיק חירות. ווי מען זעט אז משה רבינו וואס ער איז דאך געווען ממש דער ׳עצם התורה׳, האט ער זוכה געווען צו זיין דער גרויסער ׳בן חורין׳, אזוי ווייט, אז ער האט אפילו נישט געדארפט אנקומען צו קיין עסן און טרינקען; ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לד, כח): ״לחם לא אכל ומים לא שתה״.

**אזוי** אויך פארקערט, טאמער א מענטש לערנט נישט קיין תורה, טוט ער גארנישט אפ פאר דער תורה, ווייל די תורה איז ׳חירות׳, עס איז נישט משועבד צו אים. נאר פארקערט, ער טוט זיך אליינס אפ! בלויז ער אליינס דערלייגט דורכדעם! ער ווערט צובראכן - אין א בחינה פון ׳שברי לוחות׳ - דורכדעם וואס ער לערנט נישט און איז זיך נישט מדבק אין די תורה! אנשטאט צו באקומען די בחינה פון חירות, ווערט ער גאר אן עבד! אזוי זאגט דער מדרש שמואל.

**לויט** דעם קען מען זייער גוט פארשטיין דעם ענין פון ׳לעיני כל ישראל׳, אז דער עיקר מעלה פון שבירת הלוחות איז געווען דער ענין פון ׳ואשברם לעיניכם׳, אז אידן האבן מיטגעהאלטן וואו די אותיות בלייבן שטיין אין דער לופט, וואס דאס האט זיי אויסגעלערנט אזא מורא׳דיגער יסוד און א לימוד לדורות, אז די תורה איז נישט משועבד צו דער בריאה, נאר פארקערט, די גאנצע בריאה איז משועבד צו דער תורה און צו דעם לומד תורה. און דערפאר האט אים דער אייבערשטער באדאנקט און געזאגט ״יישר כח ששברת׳, ווייל עס איז נישט בלויז געווען א ׳בדיעבד׳ וואס מען האט געמוזט

טון בלית ברירה, נאר דאס האט אויך געהאט א געוואלדיגן תועלת, כדי אויסצולערנען פאר אידן וואספארא געוואלדיגער אור די תורה איז, אז די תורה איז אזא מין חירות'דיגע זאך וועלכע איז נישט משועבד צו קיין שום גשמיות'דיגע מציאות פון דער וועלט. און דאס לערנט אויס פאר יעדן איד - בפרט דעמאלט ווען זיי האבן שוין געהאלטן נאכן גרויסן חטא - אז ער זאל זיך נישט איינרעדן אז דורך 'פריקת עול' חלילה איז מען 'פריי' און מען איז מער רואיג און צופרידן, ניין! אן קיין תורה איז נישטא קיין פרייהייט! פארקערט, אן קיין תורה ווערט מען אינגאנצן צובראכן ביי זיך! ווייל די איינציגסטע זאך וואס גיבט פאר א מענטש חירות און רואיגקייט, איז נאר די תורה.

**מיט** דעם פארשטייט מען פשט אין רש"י: "בראשית בשביל התורה ובשביל ישראל". אויבנאויף קען מען לערנען נישט ריכטיג, אז כאילו די תורה האט געהאט א חסרון אז זי האט נישט קיינער וואס זאל איר לערנען, און דעריבער האט דער אייבערשטער באשאפן א וועלט, כדי אז כלל ישראל זאל לערנען תורה. אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל אינ'אמת'ן איז די גאנצע בריאה באשאפן געווארן דורך די תורה; ווי דער **זוהר הק'** זאגט (ח"ב קסא:): "אסתכל באורייתא וברא עלמא", קומט דאך אויס, אז די תורה איז דער משפיע פאר דער בריאה - נישט די בריאה פאר דער תורה! פאר די תורה וואלט גארנישט געפעלט אן די בריאה און אן די לומדי תורה! נאר דער פשט איז, "בראשית בשביל התורה ובשביל ישראל", אז די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן, נאר כדי צו מקבל זיין **פון** דער תורה! ווייל די תורה ברענגט אריין א חירות אין דער גאנצער בריאה! דורכדעם וואס אידן לערנען תורה, ווערן זיי אליינס נתעלה און זיי זענען אויך מעלה די גאנצע בריאה צו דעם שלימות פון 'חירות'; ווי דער פסוק זאגט (ירמיה ל"ג כ"ה): "אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי" - אז ווען נישט די תורה, איז נישטא קיין וועלט! ווייל די וועלט האט נישט קיין קיום אן תורה!



**מיט** דעם שטימט שוין גוט דער שילוב פון סוף התורה לתחלתה. די תורה ענדיגט: "ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל", וואס ווי רש"י זאגט, מיינט מען דערמיט דעם 'שבירת הלוחות', וואס דארט האבן אידן געזען אז די תורה דארף נישט אנקומען צו די לוחות, און אז די לוחות

דארפן יא אנקומען צו די תורה. און דאס איז א גילוי אויף דער גאנצער בריאה, אז "בראשית ברא אלקים", די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן בלויז צוליב 'תורה וישראל', כדי צו משלים זיין די גאנצע וועלט דורך לימוד התורה.

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש וועלכער שטעלט דא צו דעם פסוק: "כאשר ישא האומן את היונק". דאס הייסט, די וועלט איז צוגעגליכן צום 'יונק' און די תורה איז צוגעגליכן צום 'אומן' וועלכער ציהט אים אויף און גיבט צו עסן און טרינקען. די תורה זאגט: איך בין דער וועלכער איז משפיע צו דער בריאה, און נישט די בריאה צו מיר! איך בין דער וועלכער גיבט צו זייגן פארן קינד דאס חיות און דער חירות, און ממילא בין איך דער עיקר, און נישט די בריאה.

**דערפאר** ברענגט רש"י ביידע פירושים אויף 'בראשית'. ווייל אויב וועט מען ענטפערן פאר די אומות העולם בלויז די טענה פון 'הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו'. וועלן די אומות טענה'ן: אפשר זענען מיר 'ישר בעיניו', און עטץ האבן עס צוגענומען בגנבה? דערפאר ברענגט רש"י דעם אנדערן פשט: "בראשית בשביל ישראל ובשביל התורה", אז די גאנצע בריאה איז משועבד צו תורה און באקומט חיות נאר פון תורה, און דעריבער איז דאך זיכער אז ארץ ישראל - וואס דאס איז דאך דער מובחר פון דער בריאה -געהערט צו כלל ישראל וואס זיי לערנען תורה! אודאי זענען זיי 'ישר בעיניו'! ווייל דוקא צו דעם וואס האט די תורה, צו אים איז משועבד די גאנצע בריאה.

**און** דערפאר שטעלט טאקע דא דער מדרש צו דעם פסוק: "תאלמנה שפתי שקר", אז דורכדעם וואס די תורה האט מגלה געווען דעם 'בראשית בשביל ישראל ובשביל התורה' - ווערט פארשטאפט אלע טענות און שקרים וואס די אומות העולם טענה'ן אויף די אידן, און זיי קענען שוין גארנישט טענה'ן אויף דאס וואס אידן האבן איינגענומען ארץ ישראל פון זייערע הענט, ווייל וויבאלד אידן זענען דבוק אין תורה - קומט זיך זיי אלעס.

## דברי כיבושין

**היוצא** לנו מזה, "אין לך בן חורין [אלא] מי שעוסק בתורה" (אבות פ"ו מ"ב). ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם מאמר חכמינו ז"ל, זעט מען דא א געוואלדיגע זאך: א מענטש דוכט זיך, אז ער האט אן 'עול' פון תורה, ער דארף גיין צו שיעורים יעדן טאג, אה, א געוואלדיגער עול, ער דארף גיין דאווענען בציבור, ער דארף [ליינען] קריאת שמע בזמנה, וכדומה און נאך און נאך, לכאורה [דוכט זיך אז] דאס איז עפעס אן עול. [אבער] זאלסטו וויסן [פארקערט], [אז] דאס מאכט דיר 'חירות'!

**ווייל** [טאמער] חלילה א מענטש לאזט זיך אפ פון תורה, גיבט מען אים אריין 'עול דרך ארץ' (אבות פ"ג מ"ה). וואס איז דער פשט 'עול דרך ארץ'? [דאס מיינט, אן עול] פון תאוות און נסיונות וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך! און ער ווערט משעובד צו די תאוות, ער ווערט א מין שקלאף! און עס טוט אים נעבעך אינגאנצן צוגרינד לייגן די תאוות מיט די מחשבות זרות! ער ווייסט נישט אז דאס טוט אים דעם גאנצן מענטש - מאכן 'אויס מענטש'! ער ווערט 'אויס בריה'! חלילה אז א מענטש איז 'פורק עול מלכות שמים', דעמאלט פאלט ער אריין ממילא אין דעם 'עול' פון די נסיונות [און] אין וואס [עס] טוט זיך אויף די וועלט אלעס.

**דארף** מען וויסן, אז די תורה דאס איז דער וואס מאכט דעם 'חירות'! עס איז א טייערע זאך, [אז] מען דארף אויפשטיין צו קריאת שמע, מקבל זיין עול מלכות שמים, ווי זיס און ווי צוקער איז דאס!

**חלילה** די וואס זיי שלאפן און זענען עובר אויפן זמן קריאת שמע, רחמנא ליצלן, מען האט זיך אויפגעהויבן אן קבלת עול מלכות שמים, [שפירט ער]: "וואו געהער איך יעצט? וואו גייט מען ווייטער אין דעם טאג?". עס האט נישט קיין שיעור ווי טיף נעבעך מען קען פארקריכן און פארקריכן! [אלעס ווייל] ער האט זיך נישט אנגעהויבן [דעם טאג מיטן] מקבל זיין דעם 'עול מלכות שמים! ווער [רעדט נאך פון] דאס דאווענען? ווי א דאווענען? צי מען גייט יא [אין בית המדרש], צי מען גייט נישט. און ביי דער נאכט און פארטאגס א שיעור? ווער [רעדט פון א] שיעור? [און דורכדעם] רחמנא

ליצלן אין א תהום פאלט ער אריין! ער מיינט, ער האט זיך באפרייט פון דעם עול מלכות שמים, דאס וועט אים גרינגער מאכן, דאס וועט אים לייכטער מאכן, אבער ער ווייסט נישט נעבעך וואס טוט ער.

**דו** זאלסט וויסן אז אויב חלילה מען איז פורק עול מלכות שמים, [זאגן חז"ל] (אבות ג, יז): "אם אין תורה אין קמח". און [דו] זאלסט וויסן, אז [אויב זעסטו] "אם אין קמח", זאלסטו וויסן איז די סיבה, ווייל "אין תורה"!' דאס איז 'הא בהא תליא', אלעס הייבט זיך אן דארט.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן אזעלכע טייערע ימים טובים, יעדער לפי עניות מצבו האט מקיים געווען די מצוות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, אזא קדושת הזמנים, קדושות פון סוכה [האט מען] כסדר מקיים געווען. [און עס שטייט] "מקדש ישראל והזמנים", [מען האט] מקדש געווען אידישע קינדער, מיט די חדשים פון אלול מיט דעם תשרי - וואס אידן זענען נתקדש געווארן און נתקרב געווארן לאבינו שבשמים.

**פארשטייט** זיך אז נאך אזא [גרויסע עבודה], קומט צו גיין דער בעל דבר חלילה, [און] ער וויל דאס אלעס ארייכאפן רחמנא ליצלן, אזוי ווערט דאך געברענגט: "צאנך מיד גוזזים"; ווי זיי טייטשן (יערות דבש א, א), [און] ער וויל דאס נעבעך אלעס ארייכאפן. דער עבודת ישראל רעדט אויך דערפון (פ' תצא ועי"ע יקר מפז), אז מען זאל זען, אז מען זאל נישט חלילה באלד נאך די אלע [ימים טובים] זאל מען [נישט] חלילה צוריקגיין נעבעך צום אלטן. על כל פנים, וואס מיר קענען זען, מען זאל זיך דערהאלטן און מען זאל מיר האבן חיות, איז דער ענין זיך מדבק זיין אין דער תורה הקדושה! וויפיל מען קען, זיך קובע זיין א שיעור!

**מען** זאגט נאך פון די סלאנים'ער [רבי'ס], צו [פון] די אנדערע [רבי'ס פון דעם חדר] (תורת אבות) א מורא'דיגע זאך, ווי האלט מען ביי דעם, אז א מענטש זאל וויסן, אז מבטל זיין פון תורה איז אזוי ווי רחמנא ליצלן א בא על הערוה רחמנא ליצלן! אזוי ווייט איז ביטול תורה! זעט אויס [אז דאס איז מרומז אינעם פסוק] (דברים לג, ד): "תורה צוה לנו משה מורשה", [זאגן חז"ל] (שמו"ר לג, ז): "אל תקרי מורשה אלא מאורסה", איז דאך דער פשט עס איז אויך אזא מין בחינה.

**על** כל פנים דארף מען וויסן, "כי הם חיינו": דער שיעור דאס מוז זיין! מען טאר נישט פעלן! עס איז נישט אבי 'מהיכי תיתי': "איך בין א וואוילער יונגערמאן, [אויב] איך קום צום שיעור בין איך א וואוילער יונגערמאן! עס איז זייער שיין פון מיר! ממש, איך האלט מיט דעם שיעור!". [ניין], עס איז נישט אזוי!

**איך** געדענק נאך פונדערהיים, וואס עס איז געווען רחמנא ליצלן אן עניות, מען האט נישט געהאט צו עסן דעם נאכטמאל אזוי ווי עס ברויך צו זיין. מען האט נישט געהאט די קינדער צו געבן [צו עסן]. עס איז געווען קאלט אין שטוב. אבער אז מען איז געגאנגען אין בית המדרש, האט מען געזען א פול בית המדרש! ממש עס איז נישט געווען קיין [פלאץ א] שפילקע (- נאדל) צו ווארפן! און מען האט געלערנט [מיט] א מין קול תורה, עס איז געווען א גרויס בית המדרש. א איד האט נישט געוואוסט בעולם: "וואס הייסט? איך וועל נישט גיין אין בית המדרש לערנען דעם שיעור?". עס איז גארנישט געווען אזא מציאות!

**אז** מען לערנט פאר זיך [אליינס] א שיעור, מהיכי תיתי. אבער עס שטייט דאך, אז עס איז 'אינו דומה'; ווי רש"י ברענגט אין בחוקותי (ויקרא כו, ח): "[אינו דומה מועטין העושין את התורה] לרבים העוסקים במצוות", און דער הליכה אליינס אין בית המדרש האט דאך א געוואלדיגן כח! דארף מען עס וויסן, אז דאס איז א זאך א הכרח! מען קען נישט אנדערש זיין!

**און** דער אייבערשטער וועט העלפן אין זכות פון תורה, וואס דאס איז "אין לנו שיור רק התורה הזאת". מען זאגט דאך נאך פון איינע פון די גדולים, אז דאס איז נישט אזיווי א 'קובלנא' [וואס מען קרעכצט, אז נעבעך מיר] האבן מיר נישט [גארנישט] נאר די תורה. [פארקערט], דאס איז א טרייסט: [דו] זאלסט וויסן עס איז גארנישט דא נאר די תורה! עס איז נישטא עפעס אנדערש אין דער וועלט - נאר די תורה וואס איז אונז געבליבן! דאס איז דאס!

**[פון]** דער **בעלזער רב** זאגט [מען] דאך נאך (לקט אמרי קודש מועדים קלח בשם העט"צ מזידיטשוב), "די ווינטער נעכט האבן אין זיך קדושת חול המועד". עס איז א געוואלדיגע קדושה די ווינטער נעכט. "לא איברא לילה אלא

לגירסא" (פרישה או"ח רלח, א). מען קומט אין בית המדרש, דער בית המדרש האט אן אנדערן טעם מען לערנט ברבים, עס איז א בחינה פון קנאת סופרים תרבה חכמה, און מען דארף זען חלילה נישט צו פארפעלן! אז עס קומט דער זמן פון שיעור דארף מען זען צו קומען אין זמן, נישט אראפרייסן פופצן מינוט פון פריער, און אויפהערן פריער. [חז"ל זאגן] (אבות ד, ג): "אין לך אדם שאין לו שעה", ער זאל זען אז די שעה זאל זיין! מען זאל לערנען! און דער וואס קען טאקע 'בקול רם' לערנען - זאגט די גמרא (מגילה לב.): "השונה בלא זמרה", 'זמרה' איז א געוואלדיגער חלק, מיט דעם אופן צו לערנען תורה.

**דער** אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין און העלפן דאס כלל ישראל. מען זאל מיר האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס. עס איז דאך שבת בראשית, איז מען מקבל אויף זיך 'בראשית'; ווי ער זאגט דער דברי יחזקאל פון דעם אריה דבי עילאה, אז דאס איז דער פשט 'בראשית': "פון יעצט אן וועל איך שוין זיין גוט! וואס איז געווען איז געוועז"!

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, זאל מען קענען זוכה זיין צו 'והגית בו יומם ולילה', מען זאל לערנען און דאווענען, זיך פירן ווי א איד דארף זיך צו פירן, [און] ווער שמועסט נאך [זיך אויפפירן ווי א איד אין] די גאסן, צו וויסן מען איז א איד יעדע מינוט און יעדע רגע.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל מיר געהאלפן ווערן ברוחניות ובגשמיות, רפואות מיט ישועות, מען זאל ניצול ווערן פון אלעם שלעכטן. און דער אייבערשטער זאל העלפן, אז אידישע קינדער זאל שוין זען נאר גוטס, נחת מיט געזונט, אריכות ימים ושנים טובים, עס זאל נשפע ווערן הארות, עס זאל אריינשיינען אין אידישע הערצער תורה מיט יראת שמים, און אידישע קינדער זאלן גיין בדרך התורה ובדרך האבות, מען זאל זוכה זיין צו דער גאולה שלמה במהרה בימינו אמן.

**הרה"ק רבי יצחק רובין זי"ע**

**אב"ד לעדת עסטרייך אונגארן בעיה"ק צפת ת"ו**

**כ"ט תשרי תרע"ו**

**מיין** זיידע הרה"ק רבי איציקל צפת'ער זי"ע איז געבוירן געווארן בערך אין יאר תרל"ח לפ"ק, צו זיין טאטן דער יאסלער זיידע - הגה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע - וואס ער איז געווען א זון פון רבי אלימלך פון סאקאלאוו, א זון פון הגה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע.

**ער** האט חתונה געהאט צו די באבע מינדל א טאכטער פונם ווישניצער זיידן - הגה"ק רבי נפתלי רובין זי"ע - וואס ער איז געווען אן איידעם ביים שינאווער רב זי"ע.

**זיין** עלטער שווער דער הייליגער שינאווער רב האט אים זייער מקרב געווען און שטארק געהאלטן פון אים. עס איז אמאל געווען, וואס דער שינאווער רב האט זיך איינגעשפארט מיט אים אליינס פאר א גאנצע נאכט. מען האט געזאגט, אז ער האט דעמאלט געלערנט מיט אים קבלה.

**א** שטיק צייט נאכן הסתלקות פונעם שינאווער רב, האט ער זיך אנגערופן צו זיינע ארומיגע, אז ער האט שוין נישט קיין רבי, און דעריבער האט ער בדעה צו פארן קיין ארץ ישראל - וואו זיין פאטער האט שוין דעמאלט געוואוינט - און זיך דארט באזעצן. אסאך האבן אים פרובירט איבערצורעדן אז ער זאל נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אויך דער הייליגער קאלאשיצער רב (כאטש ער איז נאך דעמאלט געווען א יונגערמאן) האט פרובירט צו רעדן צו אים, אז ער זאל נישט פארן, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס. אין יאר תרס"ד האט ער זוכה געווען אויסצופירן זיין רצון און ער האט זיך באזעצט אין עיר הקודש צפת.

**נאכן** פטירה פון זיין טאטן, האט ער גע'ירש'נט דעם פאסטן צו דינען דארט אלס רב פון עדת עסטרייך אונגארן, די גאליציאנע אידן זענען אויך

געווען אנגעשלאסען צו די קהילה. דארט אין ארץ ישראל האט ער געלערנט בקביעות שיעורים אין 'חכמת החן' מיט הגה"ק ר' שלמה אליעזר אליפאנדרי זצ"ל און נאך.

**אגב,** דער יאסלא זיידע - הגה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע - איז דאך קודם געווען רב אין סאקאלאוו און דערנאך אין יאסלא. ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל האט ער געזאגט "איך בין געווען ניינצן יאר אין סאקאלאוו און ניינצן יאר אין יאסלא און כ'וועל זיין ניינצן יאר אין ארץ ישראל" וכן הוה, ער איז נסתלק געווארען א' דר"ח חשון תרס"ט לפ"ק.

**דער** זיידע הרה"ק רבי איציקל צפת'ער איז ליידער נסתלק געווארן אין א יונגן עלטער פון בערך אכט און דרייסיג יאר. דאס איז געווען בשעת ווען עס האט געבוזשעוועט אין ארץ ישראל אן אונטערגאנג און ער איז לא עלינו געווארן אנגעשטעקט. שטייענדיג גאר נאנט צו יציאת נשמה, ווען ער איז געלעגן אין זיין בית המדרש ארומגענומען מיט א מנין אידן ארום דעם בעט, האט ער שוין נעבעך נישט געקענט רעדן, נאר ער האט געוואונקען מיט זיין האנט אז מען זאל אים ברענגען עפעס א ספר, יעדער איז געלאפן ברענגען אן אנדערע ספר. ביז איינער האט געברענגט א יום כיפור'דיגע מחזור, און ער האט אויפגעמישט צו: "כי הנה כחומר ביד היוצר", און ער האט געוואונקען אז מען זאל אנהייבן זינגען, און ער האט צוגעפאטשט מיט די הענט, ביז זיין נשמה איז ארויפגעגאנגען בקדושה ובטהרה אינעם **כ"ט תשרי תרע"ו** לפ"ק, און ער ליגט אינעם אלטן בית החיים אין עיה"ק צפת. עס איז געווען א פלא, אז מען האט אים געטראפן א חלקה נאנט צום ציון פונעם הייליגן בית יוסף זי"ע.

**בשעת** ווען ער איז געווען קראנק און שוואך, און ער האט זיך קוים געקענט רירן. האט זיין מאמע (הזקינה הרבנית חנה ע"ה) נישט געוואוסט אז ער איז נישט געזונט, און דעריבער האט זי אים געבעטן אראפצונעמען עפעס פונעם קאדענץ (הויכע שענקל), און ער האט זיך נעבעך קוים ארויפגעדראפעט אויף די בענקלעך דאס אראפצונעמען, כדי צו מקיים זיין מצות כיבוד אם!

**רבי** איציקל האט נישט געהאט קיין זון, נאר פיר טעכטער. ער איז געווען א גרויסער בקי אין חכמת התכונה. איינמאל אין א נאכט, האט ער

ארויסגערופן זיינע טעכטער, און ער האט זיי געוויזן די שטערן, און אנגעצייגט וואו די שבעה כוכבי לכת זענען. כדי זיי צו ווייזן דעם "מה רבו מעשיך ה'".

**איך** האב אמאל באגעגנט אין ירושלים הרב רבי מרדכי שמערלער ע"ה, האט ער מיר פארציילט, אז ער איז געווען איינע פון די חברותות פונעם זיידן הרה"ק ר' איציקל. האט ער געזאגט: מען האט קיינמאל נישט געלערנט בחברותא וויניגער ווי אכט שעה!

**הרב** החסיד רבי עזריאל גליק ע"ה (משב"ק אצל רביה"ק מסאטמאר זי"ע) האט מיך אמאל געפרעגט: "ווער איז דאס געווען דער רבי איציקל צפת'ער"? האב איך אים געפרעגט: "דהיינו?". האט ער מיר געזאגט, אז עס איז געווען א שמועס ביים רבי'ן אין שטוב איבער צדיקים וואס האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, און איינע פון די אנוועזנדע האט דערמאנט "ר' איציקל צפת'ער", האט זיך דער רבי שטארק צוקאכט און געזאגט: **"ער איז דאך געווען א צדיק אמת!"**.

**נאך** זיין הסתלקות, איז זיין רביצין די באבע מינדל ע"ה מיט די פיר טעכטער צוריק געפארן קיין פולין. אויפן וועג איז מען דורכגעפארן די שטאט וויען, און דארט איז די באבע מינדל קראנק געווארן ל"ע און זי איז דארט נפטר געווארן יונגערהייט (און זי ליגט דארט אין בית החיים אין וויען). און די פיר קליינע יתומה'לעך (מיין מאמע - הרבנית דינה ע"ה - איז דעמאלט אלט געווען צען יאר) זענען געפארן קיין ווישניצא צום זיידן - הרה"ק רבי נפתלי זצ"ל -. ווען די פיר קליינע יתומות זענען אריינגעקומען צו אים אינדערהיים, האט זיך דער ווישניצער זיידע אנגערופן: "קומט קינדערלעך לאמיר טאנצן!", און ער האט אנגעפאנגען צו טאנצן מיט זיי, כדי זיי משמח צו זיין.

בעזהשי"ת

# ווער להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל

## שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא - מאנסי נ.י. יצ"ו


הגה"צ רבי חיים מאיר וואגשאהל
נשיא

הרב דוד שלמה לאוב
יושב ראש

חברי הוועד
הר"ר טובי' אביגדור פעלדמאן
הר"ר ישראל יעקב פרענקל
הר"ר משולם איסר קעסטענבוים


שלומים מרובים לכל אנ"ש וידידינו הע"י.

נבקש בזה מכל או"א מי שיש לו איזה דברי תורה, סיפורי צדיקים וכד' בכתב או בטעיפ מכ"ק מרן רבינו זיעועכי"א שיואיל בטובו למסור לנו העתק כדי שנוכל לסדרם כולם בפונדק אחד ולהדפיסם בסדר נאה ומסודר, ובודאי יהי' נייחא לנשמתו הק'.

כידוע, **הכרת הטוב** הי' ממדתו של רבינו זיעועכי"א ובודאי יעמוד זכותו הגדול לכל אחד העוזר ומסייע להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב.

**הוועד**


**יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954**

**או לשלוח ע"י אימעיל mechonshinova@gmail.com**